NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 13323

DI MAYSE MIT DER BOBITSE

A. Yidale

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ביבליאטעק „קינדערשפּיל"

№1 — א יידאלע

די מעשה מיט דער באביצע

באטאשאן

1932

דרוק. עזריאל גרינבערג און זין

13

12743

ביבליאטעק „קינדערשפיל״

No. 1

א יידעלע

די מעשה מיט דער באביצע

באסטאן

1932

אלע רעכט געהערן דעם מחבר

DIE MASE MIT DER BOBITZE

Printed in Roumanie

1

— אמאָל איז געווען א באביצע.

— ווער איז געווען די באביצע ?

— געווען אמאָל א נאַקעטע האָליצע,
פלעגט שפרינגען אויף דער פּאָליצע,
אויף איין פוס מיט איין פּאָפּיצע,
דאס איז געווען די באביצע.

— די באביצע האט געהאט אסאך קינדערלעך.

— ווער זענען געווען די קינדערלעך ?

— הידושימלעך און וואונדערלעך,
מיידאלעך, יינגאלעך
לאכן, מאכן חנדאלעך

מילטערס פון די ציגאַלעך,
חיטשל פון די ליפּאַלעך,
פּינטלען מיט די אייגאַלעך
און שרייען אויף די ציינדאַלעך.

קייען ברויט מיט קיפּאַלעך
און בייגאַלעך מיט די קרישקאַלעך.
ליידיקע קישקאַלעך
ברעכן פּיסקאַלעך
און שרייען: קאַשע מיט מילך!
קאַשע מיט מילך!

איין מאָל קומט די באָביצע אריין
און זאָגט: קינדערלעך, קינדערלעך, שטיל זאָל זיין!
נישטאָ קיין דרייערל,
נישטאָ קיין פּייערל,

נישטאָ קיין שפּינדאלעך
מיר פאר אייערע בינדאלעך!

הונגעריגע קינדערלעך
חידושן זיך און וואונדערן זיך:
וואו איז ברויט מיט קיכעלעך?
בייגאלעך מיט די קרישקאלעך?
וואו איז קאשע מיט מילך?
קאשע מיט מילך?

ענטפערט די באביצע: שאַ! שטיל זאל זיין!
סע קרייען שוין די הינדאלעך.
איך גיי אצינד אין וואלד אריין
קלויבן שפּינדאלעך.

מיר און טויער מיט ריגאלע
פארריגעלט אין אלע עקן.

באביצע נעמט מיט דאס קריגאלע
די טארבע מיט'ן גראבן שטעקן.

2

פון וואלד קומט דאס בעראלע מיט שארפע ציין
און רעדט צו די קינדערלעך און מאכט דעם חן:

קינדערלעך, קינדערלעך, מאכט אויף די טיר,
אין דרויסן איז קאלט, איך שטיי און פריר,
איך קום פונ'ם וואלד, אייער באביצע איז דאָ!
די קינדערלעך ענטפערן: באַיאָ! באַיאָ!

קינדערלעך, קינדערלעך, כ'האב שפּיינדאלעך געבראַכט
און איר האט נאך דאס טיראלע נישט אויפגעמאכט?
כ'האָב קאשע, כ'האב מילך, אייער באביצע איז דאָ!
די קינדערלעך ענטפערן: באַיאָ! באַיאָ!

הערשאלע, ישראליקל, פון אונטערן בעט!
איר ווילט גאר נישט הערן וואס אייער באביצע רעדט?
פארשמירטע מיט שטויב און מיט פאווענינע,
כ'וועל נישט לאזן דעם רבין אייך שטעלן אין קינע,
עפענט מיר קינדערלעך! אייער באביצע איז דאָ!
די קינדערלעך ענטפערן: באַיאָ! באַיאָ!

איציקל, רייזאלע! וואס טוט איר אייך זומן?
און ווילט נישט ארויס קריכן פון טיול פון קרימען?
שרעקט אייך נישט וואס איר זענט מיט סאזשע פארשמירט
עפענט אייער באביצע וואס שטייט און פרירט!
עפענט מיר קינדערלעך! אייער באביצע איז דאָ!
די קינדערלעך ענטפערן: באַיאָ! באַיאָ!

געצאלע, ביירישל, אין קעסטל פון קרילן !
אייער באביצע וויל ביי אייך קינדערלעך פועלן
צו ריקן דאס ריגאלע. עפּעס ! איך שווער,
איך וועל אייערע נייזאלעך נישט אבווישן מער !
עפּעס מיר קינדערלעך, אייער באביצע איז דאָ !
די קינדערלעך ענטפערן : באַיאָ ! באַיאָ !

מרדכלע, יעקבל ! אין מעליקן זאק !
אייער באביצע האט מעשהלעך, מיט לעקיך א פאק !
עפּעס אייער באביצע ! דאס בעראָלע נישטאָ !
די קינדערלעך ענטפערן : באַיאָ ! באַיאָ !

שעבעלע, שעבעלע, טייער מיידאלע!
ס׳אר א געלע שיכאלעך!
ס׳אר א ווייס קליידאלע!
עפן, פייגאלע מיינס! דיין באביצע איז דאָ!
און שעבעלע ענטפערט: שעבעלע נישטאָ!

שעבעלע, שעבעלע! דו זיצט דאך אין פלאש!
אין איין הענטאלע האלסטו איין המן־טאש,
דאס אנדערע שפארט אונטער דאס קעפאלע,
דו זיצט דאך אויפן טעפאלע!

שעבעלע פארמאכט די אייגאלעך פעסט.
זאָגט: שעבעלע נישטאָ! שעבעלע עסט.

הערט דאס בעראלע בייז,
לויפט צום קאווייעל מיטן געזייס.

פון וואלד קומט די באביצע און זאָגט:
עפּעס ממזרים סע טאָגט!
דאס בערלעביים קאווידל מאכט ברי ברו!
ווערט א גדולה: די באביצע איז דאָ!
און ס'עפּעס זיך דאס ט'ראלע אין א גוטער שעה.

3

טאנצן און שפרינגען די קינדערלעך
חידושימלעך און וואונדערלעך
ארום שעבעלעס רינאלע
און זינגען דאס ליד פונעם ריגאלע
דאס בעראלע מיט דער באביצעס קי
שטעפן און פלעסקן צו.

ריגאלע, ריגאלע רוגז
מיר זענען געווען ברוגז
ריגאלע, ריגאלע, ריק
מיר זענען חבר צוריק.

טאַנצן און שפּרינגען די קינדערלעך,
חידושימלעך און וואוּנדערלעך
אַרום שעבעלעס וויגאַלע
און זינגען דאָס ליד פון ציגאַלע.
דאָס בעראַלע מיט דער באַביצעס ציג
דרייען זיך אַהין און צוריק.

אונטער שעבעלעס וויגאַלע
שטייט אַ גאָלדן ציגאַלע
דאָס ציגאַלע איז געפאָרן האַנדלען
ראָזשינקאַלעך מיט מאַנדלען
ביז צו כּל אַלעצט
דאָס ציגאַלע האָט אָנגעזויצט
און איז אין וואַלד אַנטלאָפן
זיך מיטן בעראַלע געטראָפן
זיי עסן אייניקעם שטרוי מיט פּאַשע
און פון קינדערלעך געבליבענע קאַשע.

טאנצן און שפּרינגען די קינדערלעך —
חידושימלעך און וואונדערלעך
אָנגעשטאָפּט מיט קאַשע מיט מילך
און זינגען: „אָבינו מלך״. —
דאָס בעראַלע מיטן גראַבן שטעקן
טאַנצט אויכעט און טוט זיך באַלעקן.

אָבינו מלך!
דאָס האַרץ איז אונז פרייליך.
פרייליך וועט מיר זיין.
טרינקן וועט מיר וויין.
וויין וועט מיר טרינקן.
קאַשע מיט מילך עסן
און אין וואַלד דאָס בעראַלע
אויכעט נישט פאַרגעסן.
מיר דאַנקן דעם ליבן גאָט׳
דאָס בעראַלע אויכעט זאָט.

מיר האבן ניט וואס זיך צו שרעקן
ביים בעראלע איז דער שטעקן
מיר קינדערלעך לערנען תורה
פארן בעראלע אָן מורא
פארן שטעקעלע אָן מורא
לערנען קינדערלעך תורה.

די באביצע קומט צו גיין
און בלייבט פאר די קינדערלעך שטיין:
פריש און געזונט זאלט איר מיר זיין!
הייט! אין חדר אריין!

אין גיכן ווערט דערשיינען:

נומער 2 „יציאת מצרים".

נומער 3 „דאס איבערקערעניש פון סדום".

מיט באשטעלונגען זיך צו ווענדן:

I. WEIDENFELD, Str. Hriso-Verghi No. 13
BOTOSANI (Roumanie)

Tip. A. Granberg & Fii